# צום פינטל

גליון י'

פרשת שמות תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

### איש וביתו בייס אראפגיין קיין מצרים

**• איש וביתו באו**

ביי יעקב אבינו טרעפט מען אסאך די מושג 'בית', ווי ס'שטייט די וואך אין די פרשה (שמות א א) "אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ". אויך אין תנ"ך זעהט מען אסאך דעם אויסדריק 'בית יעקב' אדער 'בית ישראל', לדוגמא (ישעיהו ב, ג) "לְכוּ וְנַעֲלֶה אֶל הַר ה' אֶל בֵּית אֱלֹקֵי יַעֲקֹב וגו'", "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה וגו'", "אֶל בֵּית יַעֲקֹב אֲשֶׁר פָּדָה אֶת אַבְרָהָם וגו'" (שם כט כב).

יעקב אבינו אויפן וועג אראפ צו חרן, האט ער באגעגנט די מקום המקדש, און ער האט אנגערופן די מקום 'בית', 'אין זה כי אם בית אלקים'. אברהם האט עס אנגערופן 'הר', יצחק האט עס אנגערופן 'שדה', און יעקב האט עס אנגערופן 'בית', דאס הייסט אז יעקב האט געגעבן גבולים צו די פלאץ, וואס דאס איז מבטא די מושג 'בית'.

אויך האט דער אייבישטער צוזאם געלייגט גאנץ ארץ ישראל אינטער אים, אין זיינע ד' אמות, און מיט דעם איז אלעס נכלל געווארן אין די קדושת הבית', אין די גבולים וואס יעקב האט מחדש געווען.

יעקב אבינו האט אוועקגעשטעלט די מושג פון א 'יידישע שטוב', דורעך זיך מבדיל זיין אינגאנצען פון די גוים, פון עשיו און פון לבן, יעקב האט קובע געווען 'תחומין', אוועק שטעלנדיג אז דער יידישע שטוב איז א וועלט פאר זיך.

יעקב אבינו ווערט אנגערופן דער 'בעל הבית', מתחילה איז ער טאקע געווען א פשוט'ע 'שכיר' פאר לבן, אבער נאכדעם האט ער געזאגט 'מתי אעשה אנכי לביתי', ער האט אוועקגעשטעלט די 'יידישע שטוב' מיטן גאנצן שלמות.

ער האט דאס אנגעפאנגען מיט זיין תמימות'דיגע מהלך אפשיינדענדיג זיך פון עשיו הרשע, ווי די פסוק זאגט 'יעקב איש תם יושב אהלים', און ער האט דאס שטארק אויסגעברייטערט מיט די יארן, פארמאכנדיג זיך אין זיין הייליגע שטוב אינדערוויניג בתמימות.

אברהם אבינו'ס שטוב איז געווען א גאסט הויז, ס'איז געווען אפען צו די גאנצע גאס, כדי מפרסם צו זיין דעם אייבערשטער'ס נאמען פאר אלע גויים. אויך אין יצחק'ס שטוב האט זיך דאך געדרייט 'עשיו הרשע', וואס האט אוועק גענומען פון די שלמות פון דער מושג 'א יידישע שטוב', אבער יעקב אבינו איז געווען 'מטתו שלימה', ער האט מחדש געווען די שלמות פון דער מושג 'א יודישע שטוב', וואס דאס איז דורעך התבדלות אינגאנצען פון די גאס, התבדלות אינגאנצן פון די גויים.

מיט אט דעם כח איז יעקב אבינו אראפגעקומען קיין מצרים, 'איש וביתו באו'. און ס'שטייט אין תנחומא (שמות - פרק ג) אויף דעם פסוק, אז יעקב אבינו האט מזווג געווען זיווגים פאר אלע זיינע אייניקליך, ביפאר ער איז אראפ געגאנגען קיין מצרים. דאס הייסט אז פארן אריינקומען אין 'ערוות הארץ', האט ער זיכער געמאכט אז די 'יידישע שטוב' זאל זיין פעסט געבויט.

די חז"ל זאגן אז די יידן אין מצרים האבן זיך געהאלטן אפגעשייד פון די גויים, שלא שינו שמם לשונם ולבושם, שטייענדיג מיט שטאלץ קעגען די שמוטץ פון די גאס. וואס דאס איז אלץ מיט די כח פון די יידישע שטוב, וואס דייקא די קדושה פון די יידישע שטוב פון אינדערוויניג, דאס האט זיי געגעבן די כח, זיך נישט אויסצומישן מיט די גוים אינדרויסן.

**יעקב אבינו האט אוועקגעשטעלט די מושג פון א 'יידישע שטוב', דורעך זיך מבדיל זיין אינגאנצען פון די גוים, פון עשיו און פון לבן, יעקב האט קובע געווען 'תחומין', אוועק שטעלנדיג אז דער יידישע שטוב איז א וועלט פאר זיך.**

און אזוי איז דער זוהר הק' (חלק ב דף ד ע"א) און אנדערע ספרים הקדושים (ספר הליקוטים ולקוטי תורה לאריז"ל, באר מים חיים, מאור ושמש, תפארת שלמה, דגל מחנה אפרים, ועוד) מבאר די גרויסע ענינים וואס האט זיך אפגעטוהן מיט דעם 'איש וביתו באו', מיט די כח ה'בית' וואס יעקב האט אוועקגעשטעלט אלץ א הכנה אראפקומענדיג קיין מצרים.

**• די חשובע משפחה פון יעקב**

און די הערליכע יודישע שטוב האט זיך געבויט, אנפאנגעדיג ביי די טויער פון מצרים מיט זיבעציג נפשות, און דערנאך האט זיך עס שטארק צעבליט מיט קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים, א משפחה וואס וואקסט און בליט, ארום און ארום דעם גרויסן זיידן יעקב.

מען איז געוואקסן און געוואקסן בקדושה ובטהרה, דורעכן זיין מקושר צום זיידן יעקב, אפילו נאכדעם וואס ער איז שוין אוועק פון דער וועלט. אז ביים ארויס גיין פון מצרים האט מען שוין געהאלטן ביי 'שישים רבוא נשמות ישראל', א עדה קדושה אפגעטיילט פון די גוים, וויסנדיג אז זיי באלאנגען צו די שיינע יידישע שטוב, די חשובע יידישע משפחה, ציענדיג זיך 'למעלה בקודש' ביז די זיידע יעקב.

די 'כח המשפחה' האט זיי געהאלטן צוזאם, דורעך די כבוד און חשיבות פון די הייליגע משפחה פון יעקב אבינו, דאס האט זיי געהאלטן זיך נישט אויסצומישען מיט די גוים.

**• יעקב איז קובע תחומין און הגבלות**

ס'שטייט אין פסוק 'ויחן את פני העיר', און חז"ל זאגן אז יעקב האט אוועק געשטעלט תחומין. די משך חכמה (בראשית לג יח) איז מבאר די ענין, אז יעקב האט מחדש געווען די הבדלה פון 'בין ישראל לעמים', וואס דאס איז מרמז די ענין פון 'תחומין', ער האט ארום גענומען די יידן מיט גבולות און תחומין, און דאס איז געווען זייער שמירה אין מצרים נישט צו משנה זיין 'שמם לשונם ולבושם', וואס דאס האבן זיי באקומען בירושה נאך פון יעקב.

און די משך חכמה איז מבאר, אז בעצם די גאנצע 'מהות' פון א גוי איז אנדערש ווי דער יוד, פאר די מהות פון א גוי איז גענוג 'שבע מצוות בני נח', אבער פאר די 'מהות' פון א יוד, וואס ער איז זוכה צו השראת השכינה, דארף מען שוין האבן די גאנצע תורה, די תרי"ג מצוות.

און דאס האט יעקב אבינו מחדש געווען, 'יעקב מיטתו שלימה', ער מיט זיינע קינדער האבן ממשיך געווען די השראת השכינה וואס נאר יודען האבן, די השראת השכינה פון א יידישע שטוב.

און וועגען דעם האט יעקב געדארפט זיין אזוי שטארק אפגעשייד פון עשיו און פון לבן, ווייל די השראת השכינה וואס יעקב האט ממשיך זיין, די השראת השכינה פון א יידישע שטוב, דאס ארבעט נאר אז מען איז אפגעשייד פונעם גוי אינגאנצען, אפגעשייד מכל וכל.

און די משך חכמה איז מבאר על פי זה די מליצה פון חז"ל אין מסכת יומא (כח ע"ב) אז אברהם האט מקיים געווען 'עירובי תבשילין', און יעקב האט קובע געווען 'תחומין'.

זאגט ער אז אברהם האט צושפרייט אלקות צווישן גוים, דורעך 'עירובי תבשילין', דאס הייסט דורעך עסן און תבשילין, אויסרופענדיג 'ברכו למי שאכלנו משלו'. אבער יעקב האט קובע געווען 'תחומין', וואס דאס איז מרמז אויף די פעסטע הגבלות און התבדלות וואס יעקב האט אוועקגעשטעלט צווישן דעם יוד און דעם גוי.

און די כח פון די יידן אין מצרים, די כח פון התבדלות, דאס האט זיי געגעבן כח אין אלע דורות, האלטנדיג זיך אפגעזונדערט פון די גויים, ווי די פסוק זאגט 'הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב'. מיט די ריינע אמונה אז זיי זענען מובדל בעצם פון די גויים, זיי זענען א אנדערע מציאות, א אנדערע מהות אינגאנצען.

## • צו געבן חיזוק אויף יענעמ'ס פלאץ

א כלל גדול איז דא אין די וועלט פון 'חיזוק', אז מען קען נישט מחזק יענעם באמת, נאר טאמער מען איז אליינס אדורעך א ענדליכע 'עקספיריענס' (experience). מען קען טאקע זאגן פאר יענעם גוטע ווערטער, אבער יענער וועט גלייך פילן אז די ביסט נישט געווען אויף זיין פלאץ, די ביסט נישט אדורעך זיין שוועריקייט.

ענדליך צו דעם איז באקאנט פון בעש"ט ותלמידיו (די עצם יסוד שטייט אין פיל חסידישע ספרים בשם הבעש"ט, אויך איז באקאנט די מעשיות פון ר' אלימלך און ר' זושא, ווי זיי האבן זיך געמוסרט און יענער האט געהערט וכו') אז מען וויל 'מוסר זאגן' פאר א צווייטען, זאל מען טרעפן א פלאץ ווי מ'איז אליינס נכשל אין די זאך, במעשה אדער במחשבה, ווייל טאמער נישט, וועט יענער גלייך פילן ווי די זאגסט סתם גוטע ווערטער, אבער די פארשטייסט נישט וואס ער מיטשעט זיך.

די חז"ל זאגן (ר"ה דף כ"ט ועוד) 'כל שאינו מחויב בדבר אינו מוציא את הרבים ידי חובתן', איינער וואס איז נישט מחויב מיט א מצוה, קען ער נישט 'מוציא זיין' א אנדערער יוד וואס איז יא מחויב מיט די מצוה, למשל א 'קטן' וואס איז נישט מחויב מן התורה מיט מצוות, איז ער נישט אין די זעלבע פלאץ, אויף די זעלבע מדריגה, פון איינער וואס איז יא מחויב. (און די פוסקים זאגן אז אפילו איינער וואס איז 'תרי דרבנן', קען נישט מוציא זיין איינער וואס איז 'חד דרבנן', ווייל א 'תרי דרבנן' האט א 'חיוב קליש', א שוואכערע חיוב).

די ספרים הקדושים (ערוגות הבושם פרשת נח ד"ה את קשתי) נעמען ארויס פון דעם, אז מען קען נישט מעורר זיין יענעם צו תשובה, נאר טאמער מען טרעפט ביי זיך, ווי איך אליינס בין עפעס מחויב בדבר, אז נישט, ביסטו נישט אויפן זעלבן פלאץ ווי יענעם. ווי מ'רופט עס היינט 'ביסט נישט מיט אים אויף איין פעיטש'.


**א כלל גדול איז דא אין די וועלט פון 'חיזוק', אז מען קען נישט מחזק יענעם באמת, נאר טאמער מען איז אליינס אדורעך א ענדליכע 'עקספיריענס' (experience). מען קען טאקע זאגן פאר יענעם גוטע ווערטער, אבער יענער וועט גלייך פילן אז די ביסט נישט געווען אויף זיין פלאץ, די ביסט נישט אדורעך זיין שוועריקייט.**


און דאס איז א יסוד אין יעדע זאך, אז די ווילסט טוהן פאר יענעם, מוזטו אליינס האבן א שייכות צו די זאך. און אזוי אויך אין די 'חיזוק' וועלט, אז די ווילסט געבן 'חיזוק' פאר א יוד, ביחיד אדער ברבים, איז דאס נאר אויב די ביסט אדורעך עפעס ענדליכ'ס, אויב די ביסט א 'מחויב בדבר', קענסטו 'מוציא' זיין א צווייטען.

און אזוי איז דער דרך פון גוטע מגידי שיעורים, זיי זענען מחזק זאגנדיג אז זיי זענען אויך אדורעך עפעס ענדליך, און אפילו צו מאל איז עס נישט פונקטלעך אמת, אבער נאר אזוי קען די חיזוק ארבעטען, נאר דעמאלטס פילט דער בחור אז דאס האט א שייכות מיט אים. אז די האסט א שייכות מיט די זאך, קען זיך זיין הארץ עפענען, די זאלסט אים קענען ארויסשלעפן פון זיין צובראכנקייט.

די זעלבע, ווען מ'דארף מנחם אבל זיין ל"ע, וועט מען רופן אזא איינער וואס איז אדורעך עפעס ענדליך ל"ע. אזוי אויך אין ביזנעס, ווען א יוד מיטשעט זיך אין ביזנעס ענינים, וועט ער גיין נעמען חיזוק פון אן אנדערע ביזנעס מאן וואס האט זיך געמיטשעט עפעס ענדליכ'ס צו אים.

און אפילו אז למעשה האט דאך יעדער שוועריקייטן, אף על פי כן איז יעדער סארט מיטשעריי איז א גאנץ אנדערע מסכת, א גאנץ אנדערע וועלט, ס'איז בכלל נישט דומה, איינער וואס מיטשעט זיך אין שלום בית, צו איינער וואס מיטשעט זיך מיט א קינד. איינער וואס מיטשעט זיך אין רוחניות, צו איינער וואס מיטשעט זיך אין גשמיות, יעדער סארט מיטשעריי האט זיך זיין וועלט'ל מיט געפילן, און ס'איז נישט שייך מקיש צו זיין איינעם צום צווייטן.

און בפרט אז די עיקר חיזוק קומט ארויס ווען מ'זעהט ווי יענער איז געווען אין די זעלבע מצב ווי מ'איז יעצט, און ער האט זיך ארויסגעזען פון די גאנצע שוועריקייט. און דאס איז נאר שייך צו פילן, ווען ס'רעדט זיך פון די זעלבע שוועריקייט, און מ'שפירט באמת ווי יענער האט זיך געהייבן פון זיין שוועריקייט.

## • חיזוק פאר מחברי ספרים

**מ'זעהט אז הגאון ר' חיים קניבסקי זצ"ל האט מורא'דיג מחבב געווען 'מחברי ספרים', אסאך ישועות און מעשיות זענען דא ארום דעם, וואס ס'איז נישט יעצט די צייט מאריך צו זיין.**

**אז מ'קוקט זיך גוט איין, זעהט מען, ווי דער גאון אליינס אין די יונגע יארן האט זיך געמוטשעט אין די נקודה. אין די ערשטערע יארן ווען דער גאון האט ארויס געגעבן ספרים, האט ער זיך געמיטשעט אז מ'זאל עס אנערקענען. איז דייקא דער גרויסער גאון, ער איז געווען מיוחד צו מחזק זיין תלמידי חכמים מחברי ספרים, וויסנדיג און פילנדיג וואס זיי גייען אדורעך.**

**ס'איז דא א שארפע מעשה וואס מיט דעם קען מען פארשטיין די שוועריקייט פונעם גאון אין די יונגע יארן, איינמאל איז דער גאון זצ"ל געגאנגען צו א בר מצוה פון א אייניקל, און ער האט מיט גענומען איינע פון זיינע ספרים, האט זיין ווייב אים גע'זאגט מיט ווינדער, די דאזיגע ספר געבסטו לכבוד די בר מצוה? ס'וואלט מער געפאסט צו געבן עפעס א חשובע ספר, האט ר' חיים איר געענטפערט, פאר מיר איז דאס די חשוב'סטע.**

היינט ווען די וועלט רעש'ט מיט די ספרים החשובים פון הגאון ר' חיים זצ"ל, איז שווער צו פארציילן אזא מעשה, אבער פון דעם קען מען זען די שוועריקייטן פונעם גאון אין די יונגע יארן, ווי ער האט זיך געמיטשעט אין דעם, און נאכהער פארשטייט מען, די מורא'דיגע כח זיינער, צו מחזק זיין תלמידי חכמים מחברי ספרים.

## • זעהן די פאטענציאל פונעם מענטש

א מענטש ווען ער איז יונג זענען זיינע כוחות באהאלטן אין אים, ווען ער ווערט עלטער קומען די כוחות זיינע ארויס מ'כח אל הפועל', יעדער האט זיך זיין זמן און תקופה אין לעבן וואס זיינע כוחות קומען שטארק ארויס. צומאל קען מען זעהן מענטשען וואס אין די יונגע יארן האבן זיי זיך גראדע געמיטשעט, אבער שפעטער איז זייער פאטענציאל ארויס געקומען, און זיי האבן שטארק מצליח געווען.

וואס דאס איז א כללות'דיגע חיזוק פאר יעדער בחור און יונגערמאן, נישט צומעסטען לפי די געפילן פונעם 'הוה', נאר קוקן אויף ווייט, קוקן אויף'ן פאטענציל. ער זאל זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, וואס נאר ער קען ארויס ברענגען די באהאלטענע כוחות פונעם מענטש, ער קען אלעס איבערדרייען מהיפך להיפך.

די טבע האדם אז מ'איז מחשיב נאר איינער וואס האט יעצט כבוד, כעין ווי ס'שטייט אין פסוק 'אוהבי עשיר רבים', מ'האט ליב צו שעצן איינער וואס סגייט אים יעצט גוט. אבער א חכם האט א כוח, מחשיב צו זיין א מענטש מיט א ווייטע בליק, ער קען אים זען לפי זיין פאטענציל, 'החכם עיניו בראשו', ער קען שוין זעהן פון יעצט, 'מה יהיה בסופו'.

און איינער וואס אין די יונגע יארן זיינע, האט מען אים נישט אזוי שטארק מחשיב געווען, נאר שפעטער איז זיין פאטנציל ארויס געקומען. אזא יוד קען געבן חיזוק פאר א צווייטען, ער קענען ווייזן פאר יענעם ווי שטארק ער האט זיך געמיטשעט, און ווי צום סוף איז ער אנגעקומען צו זיין הצלחה, ער האט אים זאגן, קוק נישט אויפן הוה, דערשרעק דיך נישט פון דעם וואס מענטשן זענען דיך נישט מחשיב, פיל דיך אן מיט א האפענונג און א בליק אויפן עתיד, אז דער אייבערשטער וועט דיר עפענען די טיר.

רבי חיים קניבסקי זצ"ל האט געגעבן חיזוק פאר יעדער יוד אויפן וועלט, יעדער יוד וואס איז נאר אריינגעקומען האט באקומען זיין 'לעוויל' פון חיזוק. אבער במיוחד האט ער מחזק געווען 'מחברי ספרים', ער האט זיי אנגעקוקט מיט זייער פילע פאטענציל, נישט מיט די בליק פון יעצט, נאר מיט א ווייטע בליק אויף שפעטער. וואס ער האט אליינס געשפירט ביי זיך, ווי אזוי זיינע ספרים זענען געווען אין די ערשטערע יארן, און ווי שטארק זיי זענען ארויס געקומען אין די שפעטערע יארן.

### א חכם לעבט מיט כללים

וואס איז די הגדרה פון א חכם, א חכם איז איינער וואס לעבט נישט מיט די 'הוה', ער לעבט נישט מיט הרגשים און געפילן, א חכם לעבט מיט זיין 'עבר', מיט זיין 'עקספיריענס' (experience). ווי די וועלט זאגט 'אין חכם כבעל נסיון', ער קלארט אויס די שווערקייטן אינעם 'הוה', על פי זיינע ידיעות פון דעם 'עבר'.

די חז"ל זאגן (אבות) אז די פארקערטע פון א חכם איז א 'גולם', א גולם מיינט איינער וואס האט נישט די כח פון 'עקספיריענס', ער בויט זיך נישט, ס'לויפט א יאר נאך א יאר, ער פארגעסט די נעכטיגע, און לעבט מיט'ן פרישן, ער פארגעסט פונעם 'עבר' און לעבט אלץ מיט'ן 'הוה', ער לעבט מיט'ן וואס די גאס זאגט. דאס מיינט א גולם, איינער וואס בלייבט א נישט געפארטיגטע זאך, ער בלייבט אזוי ווי ווען ער איז געווען א קינד.

א קינד ווערט געבוירן אן קיין שום חכמה, און כסדר ווערט ער מער און מער קלוגער, מער און מער 'מיטשאר'. ווי למשל, כדרכם של קינדער אז מ'האקט אריין ווען דער צווייטער רעדט, ווען זיינע ברידער'ס און שוועסטער'ס רעדן. ווען די קינד ווערט אביסל עלטער, ער ווערט מער 'מיטשאר', לערנט ער זיך אז ס'איז נישט קיין שיינע זאך, ער לערנט זיך פון זיין עקספיריענס.

און אזוי איז עס מיט אלעס, ווי עלטער א קינד ווערט, בויט ער זיך מער, געוואנדן לויט זיין עקספיריענס, ער לערנט ער זיך מער און מער נישט איבער צו טוהן די זעלבע אלטע טעותים, וואס ער האט געמאכט אין די פארגאנגענהייט.

די הייליגע חז"ל אין מסכת אבות, 'איזהו חכם הלומד מכל אדם', פשט איז, אז א אמת'ע חכם, אויסער דעם וואס ער לערנעט זיך פון זיין אייגענע עקספיריענס, איז ער נאך אויך א 'לומד מכל אדם', דאס הייסט אז ער לערנעט זיך אויך אויף יענעמ'ס עקספיריענס, ער הערט חכמה און עקספיריענס פון אנדערע, און ער טרעפט ווי עס צו קאנעקטן צו זיך.

### א חכמ'דיגע קוק

א מענטש וואס איז נישט קיין חכם, ווערט מיט אלעס נמשך צו די געפילן פון דער 'הוה', צו די מצב וואס קאכט זיך יעצט אויפן גאס, א ווינט אהער, א ווינט אהין, ער גייט מיט ווי א גולם צו דאס וואס

**א מענטש וואס איז נישט קיין חכם, ווערט מיט אלעס נמשך צו די געפילן פון דער 'הוה', צו די מצב וואס קאכט זיך יעצט אויפן גאס, א ווינט אהער, א ווינט אהין, ער גייט מיט ווי א גולם צו דאס וואס יענער און יעדער האט צו זאגן, צו וואס די גאס האלט און זאגט. אבער א חכם נעמט אלעס וואס קאכט זיך אויף די גאס, און ער פארטייטשט עס לויט די כללי החכמה זיינע.**

יענער און יעדער זאגן, צו וואס די גאס האלט און זאגט. אבער א חכם נעמט אלעס וואס קאכט זיך אויף די גאס, און ער פארטייטשט עס לויט די כללי החכמה זיינע.

א חכם קען אפלערנען וואס ער זעהט, אנדערשט ווי זיי קוקען אויס פון אינדרויסען, ער זעהט אז זאך לויט די כללים פון זיין חכמה, וואס די כללים זענען געווענטליך מער אמת'דיג און קראנט, מער ווי וואס עס קוקט אויס פון א אינדרויסן'דיגע בליק. דער חכם זעהט טאקע פונקט ווי יעדעם, אבער ער פארטייטשט אלעס לויט זיין בליק, לויט זיינע 'כללים' וואס זענען מסודר ביי אים אין קאפ.

א רופא איז א חכם, ער קוקט אן דעם חולי, און ער זעט גלייך אין דעם זיינע כללים, וואס לפי דעם ווייסט ער צו וועלכע סארט חולי דאס באלאנגט. און אויף יעדער חולי קען ער דיר זאגן, דאס שטייט אין יענער ביכעל, דאס איז יענער און יענער כלל וכדומה.

און אזוי איז ביי יעדער סארט חכם, א חכם אין תורה וועט עס אפלערנען לפי די כללי התורה, און להבדיל אלפי הבדלות א חכם אין אנדערע חכמות, וועט עס אפלערנען לפי זיינע כללים.

א יוד, אלץ וואס ער זעהט אויפן וועלט, זעהט ער אין דעם תורה, ער קען נעמען אלעס וואס ער זעהט אינעם הוה, און עס אויפהייבן צו די כללי התורה, יעדער זאך ווערט ביי אים פארטייטשט תורה'דיג. די פילינגס ראיה שמיעה ריח מישוש, זיי פילן דעם הוה, אבער דער חכם דערהערט אין אלעס א 'מושג', ער זעט עס אין כללים.

החכם עיניו בראשו, 'בראשו' קען מיינען אז ער גייט צוריק צום 'עבר', זיינע אויגן זענען צו די ראש המעשה, דאס הייסט צו די חכמה און שכל וואס איז בראש, העכער פון די חושים.

א יעדער יוד דארף האבן די כח החכמה, נישט נאר פאר לימוד התורה, נאר אויך פאר יעדער ריר אין קיום המצוות פעלט זיך אויס 'חכמה'. למשל, כדי 'מלמד זכות' צו זיין אויף א צווייטע יוד, דארף מען קענען האבן חכמה, די חושים שרייען אויף איין וועג, אבער מען דארף זיך מתגבר זיין און עס פארטייטשען לפי די חוקי החכמה, לפי די חוקים וואס זענען מסודר אין קאפ. און די זעלבע ביי לשון הרע, און נאך אסאך מצוות בין אדם לחבירו.

און אזוי ביי נאך פילע מצוות, איז זייער וויכטיג די כח החכמה, צו קענען אויפהייבן וואס מעט זעהט אין די וועלט, צו די תורה'דיגע קוק, צו די כללי החכמה.

• טיפע געפילן

די מציאות פון א קינד איז געפילן, און די מציאות פון א עלטערע מענטש איז שכל. א קינד נעמט א גאנצע צייט אריין געפילן פון זיין ארום, פון די שטוב, פון די חדר, און פון די גאנצע סביבה, אלעס דרייט זיך ביי אים אויף געפילן. און ווי עלטער ער ווערט, פארמאכט זיך צוביסלעך די געפילן וועלט, און עס עפענט זיך מער די וועלט פון 'שכל', און די געפילן ריקט מען אין א זייט, און מען עפענט עס נאר לפי הצורך, לויט ווען די שכל ערלויבט.

וויבאלד אלץ קינד איז נאר אפן די געפילן, די שכל איז נאך נישט 'דיוועלעפט', וועגן דעם גייען די געפילן אריין ביי אים זייער טיף, שפעטער ווען די 'שכל' ווערט מער 'דיוועלעפט', ווערט ער מער 'בעל הבית' אויף זיך, ער געט מער אכטונג וואס יא אריין צו לאזן טיף, און וואס נישט אריין צו לאזן טיף.

די נפש מיט זיינע געפילן, זענען צוזאם געשטעלט פון אלע סארטן דרגות, געוויסע געפילן וואס גייען אריין ביז'ן זיבעטן ריפ, טיף טיף אין די נשמה אריין, און אנדערע געפילן וואס בלייבן מער שטעקן פון ארום און ארום, ס'האט נישט צוגערירט צו דעם פינטל אין הארץ.

אבער פארשטייט זיך אז מען קען קיינמאל נישט וויסן וועלכע געפילן וועלן אריין גיין טיף אינעם קינד, און וועלכע וועלן בלייבן נאר פון ארום ארום. אונזער ארבעט איז צו לעבן מיט די קינדער מיט גוטע געפילן, מיט א געשמאק און א חיות, און דער אייבערשטער פירט שוין יעדער געפיל, ווי ס'זאל קונה שביתה אינעם קינד'ס הארץ, יעדער געפיל האט זיך זיין אדרעס.

יעדער האט זכרונות פון טיפע געפילן פון אלץ קינד, איינער איז אים אריין גאר טיף די מצות באקן אלץ קינד, די גוטע הרגשים ווי זיין טאטע האט געבאקן חבורה מצות, און ס'איז אים אריין טיף אין די ביינער.

א צווייטער קינד איז אים אריין גאר טיף די סוכה בויען, א דריטער, די מעשיות וואס זיין טאטע פלעגט פארציילן ביי די סעודה, א פערדיר, די מעשיות פון די פלעיס אדער פון די ווינדערליכע בעלי מספרים. און אנדערע מער צו די אנדערע וועג, טיפע זכרונות פון די צופעדיגע עונשים וואס זיי האבן באקומען, צו אינדערהיים אדער אין חדר.

אזוי צו אזוי, די וועלט פון געפילן איז גאר גאר שטארק, די געפילן גייען אריין טיף טיף צו די נשמה, און זיי דרייוען די גאנצע מענטש, אז די זעסט א גוטע בחור, א גוטע מענטש, פארשטייסטו אז עס איז דא דארטן א גוטע טיפע געפיל, און פארקערט איז פארקערט ל"ע.

מ'זעהט אמאל א קינד וואס איז ל"ע אראפ פון יידישן וועג, און ער דערמאנט זיך פון א טיפע געפיל פון אלץ קינד, די חנוכה לעכט, די טשיז קעיק שבועות, וכדומה לזה, און די געפילן ברענגען אים צוריק, זיי וועקן אים אויף זיין יידישן שורש. ווי ס'איז באקאנט אסאך מעשיות - אלטע און נייע - אויף יידן וואס די געפילן האבן זיי צוריק געברענגט.

פשט איז, אז אלץ קינד ווען ער האט באקומען די הייליגע געפיל, האט ער עס גאר טיף אריינגענומען, ממש אזש ביז די נקודת החיים זיינער, איז ממילא ווען די געפילן וועקען זיך אויף, קענען זיי אים אויף טרייסלען אינגאנצען, און אים צוריק ברענגען צום גוטן.

• דער אייבערשטער שאקלט די געפילן

און אזוי ווי דאס איז ביי גוטע געפילן, די זעלבע זאך איז דא ל"ע ביי שלעכטע געפילן, אונז קען מיר נישט וויסן וועלכע שלעכט ווארט וועט אריינגיין ביים קינד ביז עומק נשמתו, וועלכע ווארט וועט זיך אריינזעצן טיף טיף אין זיין יונגע הערצעלע, און ארויסצאפן דאס פינטעלע חיים זיינער, ממילא וואס ליגט אויף אונז, צו נזהר זיין אלע מאל, וויסן ווי 'פרעדזשעל' ס'איז.

און בפרט אז דאס איז דאך אלץ געפילן, א דבר שכל קען א מענטש אויסרעכענען, אבער געפילן קען מען זיך דאך נישט אויסרעכענען, און בפרט אז ס'האט נישט ציטוהן אזוי ווייט מיט וואס ס'איז געזאגט געווארן, נאר מיט אלעס ארום ארום, מיט די קינד'ס געפילן פון פארדעם, און מיט זיינע געפילן יענע מינוט, וואס דאס אלעס מאכט אויס ווי טיף ער זאל עס אריינעמען.

א יוד האט אמאל געזאגט, מענשטן לויפן זעהן ווינדער פונעם אייבערשטן, איינער לויפט ביז יענע עק וועלט זעהן א וואלקענאו (א בארג רייסט אויף, מיט פייער און לאווע), גרעסערע בעלי השגה זעהן די וואונדער פונעם אייבערשטען דורעך התבוננות, מיט די דרך פון ר' אביגדור מילער זצ"ל (חובת הלבבות) וכדומה.

**געוויסע געפילן וואס גייען אריין ביז'ן זיבעטן ריפ, טיף טיף אין די נשמה אריין, און אנדערע געפילן וואס בלייבן מער שטעקן פון ארום און ארום, ס'האט נישט צוגערירט צו דעם פינטל אין הארץ.**

אבער באמת אז מען טראכט נאר א משהו אריין אין די טיפע עומק פון די געפילן וועלט, ווי ווייט דער אייבערשטער כאפט אן די גאנצע מענטשהייט מיט די געפילן, ווי ער האלט אלעמען ביים קארג, און מיט די לייכטסטע זאך וואס הייסט 'געפילן', שאקלט ער אלעס אויף. פון דעם אליינס קען שוין א מענטש האבן, גענוג און נאך פון אהבת השם און יראת השם.

• געפילן לויט די מצב

די עיקר טיפע געפילן קומען פון זאכן וואס קומען 'מזמן לזמן', ווי ימים טובים און דאס גלייכן, אויך זאכן וואס דער קינד איז שטארק 'אינוואלפט' אין זיי, זאכן וואס דרייען זיך שטארק ארום אים. אויך א משפחה געשמאק, זאכן וואס די גאנצע משפחה מאכט און פארברענגט צוזאמען. אדער פון חידושים און 'טשענדזעס', זאכן וואס עפענען טיף די געפילן.

אבער מער פון אלעס ווענדן זיך די געפילן, אינעם מצב פונעם מענטש זעלבסט, ווי למשל א קינד וואס איז צובראכן, און ער וועט באקומען א גוט ווארט, וועט דאס אסאך טיפער אריין גיין, היות ער פילט גאר שטארק די 'לאך', וואס דאס האט מען אים יעצט אנגעפילט.

ס'איז באקאנט אסאך מעשיות אויף דעם, וואס דייקא די גוט ווארט וואס מ'האט געהערט אין שוואכערע מצב, די גוטע געפילן זענען אריין גאר גאר טיף, אז מ'האט עס געדענקט פארן גאנצן לעבן. ווייל די גיטע געפיל איז אסאך געוואנדן אין די מצב פון דער מענטש, ווי אזוי ער נעמט עס אריין.

**צום שלוס:** דערהער די געפילן וועלט, ברענג עס ארויס אויפן אויבער פלאך, זא קלאר מיט זיי, לעב דערמיט, רעכן זיך דערמיט, זאג עס ארויס שארף און צום פינטל, וועסטו קענען בעסער זיין נזהר אין די ענינים פון 'בין אדם לחבירו', און פארבעסערן די געפילן וועלט פון דיין משפחה און גוטע פריינד.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com
לנדב הגליון, או לפרסם בו, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424